בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

**שלח**

**כ"ג סיון תשפ"ד**

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:13 |
| מוצש"ק | 8:31 |
| ר"ת | 9:06 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:13 | סוז"ת א' | 9:43 |
| סוזק"ש ב' | 9:07 | סוז"ת ב' | 10:18 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': **פט**
שנה ב'


## טיב הפרשה

# שְׁלַח לְךָ – לְדַעְתְּךָ

## א לעבן מיט אמונה

אין די וואכעדיגע פרשה לערנען מיר וועגן די חטא המרגלים. מיר לערנען אז כלל ישראל האט געבעטן פון משה רבינו אז זיי ווילן שיקן מרגלים קיין ארץ ישראל אויסצושפיאנירן דאס לאנד.

רש"י אין די פרשה אויף די ווערטער 'שלח לך' איז מדייק אז הקב"ה האט געזאגט פאר משה רבינו אז עס פעלט נישט אויס צו שיקן מרגלים ווייל איך האב געזאגט אז דאס לאנד איז א גוטע, אבער אז מען וויל שיקן - קען מען שיקן, אבער עס וועט זיך נישט אויסלאזן גוט און ווי עס איז די ווערטער פון רש"י: "חייהם שאני נותן להם מקום לטעות בדברי המרגלים למען לא יירשוה".

מיר ווייסן אז יעדע זאך וואס די תוה"ק זאגט אונז האט א קלארע חשבון, אז עס איז דא אין איר א לימוד און ווי דער זוה"ק דרוקט זיך אויס זייער שארף אז ווער עס גלייבט אז די תוה"ק איז סתם א געשיכטע בוך איז זיין סוף ביטער און ווי עס איז לשון קדשו (חלק ג פרשת בהעלותך דף קמט ע"ב): "ומאן דאמר דההוא סיפורא דאורייתא לאתחזא על ההוא סיפור בלבד קאתי, תיפח רוחיה".

עס איז אזוי ביי די געשיכטע פון די אבות הק' און זיכער איז עס ביי אזא זאך ווי די מעשה פון די מרגלים און אויך ביי די אנדערע נסיונות וואס כלל ישראל איז אריבער. ביי יעדע אזא געשיכטע באהאלט זיך א דערהער וואס איז וויכטיג פאר יעדן איד אויף די וועלט ביז צום היינטיגן טאג.

ווען מען איז זיך מתבונן זיין אין די ווערטער פון רש"י זעט מען אז דער יסוד היסודות פון די חטא המרגלים וואס האט שפעטער געפירט אז עס זאל געשען אזא ביטערע זאך, איז געווען א חסרון אין אמונה פון כלל ישראל אין די הבטחה פון הקב"ה אז ארץ ישראל איז א גוטע לאנד. דער רבוש"ע האט געהאט א טענה צום כלל ישראל, ער האט געוואלט אז זיי זאלן האבן אמונה אין אים אז ווען ער זאגט אז עס איז גוט, איז עס גוט, אבער ווייל זיי האבן עס נישט געוואלט אננעמען, נאר זיי האבן געוואלט שיקן מרגלים צו זען אויב ארץ ישראל איז א גוטע און א פרוכטבארע לאנד, האט פאסירט די ביטערע מציאות אז כלל ישראל איז געבליבן אין גלות פאר פערציג יאר און די יעניגע כלל ישראל האט נישט זוכה געווען אריינצוגיין אין ארץ ישראל.

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# כֻּלָּם אֲנָשִׁים

ווען ער האט געעפנט זיין נייעם געשעפט, האט ער זיך אויסגעוועלט די בעסטע ארבעטער אז זיי זאלן קומען ארבעטן ביי זיין געשעפט. ער האט אויך אויפגענומען אן אויפזעער [מנהל] וועלכער זאל אכטונג געבן אויף אלע ארבעטער און אויף אלעס וואס טוט זיך אין געשעפט. די ערשטע שטיק צייט האט זיך דער בעל הבית טאקע אויף קיינעם נישט פארלאזט, נאר אליין נאכגעקוקט אלעס, וועלנדיג זיכערמאכן אז עס קומט נישט פאר קיין שום טעות אדער שווינדל. מיט די צייט אבער, האט ער זיך אנגעהויבן צו פארלאזן אויף די ארבעטער, און איבערהויפט אויפן געלונגענעם אויפזעער וועלכער האט געטראגן דעם גרעסטן אחריות, און האט אנגעפירט מיטן גאנצן געשעפט.

וויאזוי עס האט זיך אנגעהויבן און וואס האט צוגעברענגט אז עס זאל געשען, האט ער נישט געוואוסט, אבער איין טאג איז דער בעל הבית געוואויר געווארן אז זיין געלונגענער געשעפט האלט כמעט ביים באנקראטירן [פשיטת רגל]. ווי פארשטענדליך, איז נישט געווען קיין סאך וואס צו טון, אויסער פראבירן אויסצוטרעפן וואס עס האט צוגעברענגט דעם גרויסן בראך. און אט האט ער אויסגעטראפן, אז ווען דער אויפזעער האט געזען אז דער בעל הבית קוקט אים שוין נישט נאך, האט ער אנגעהויבן פארגרינגערן זיין ארבעט און האט שוין נישט אזוי שטארק אכטונג געגעבן אויף די ארבעטער אז זיי זאלן פלייסיג טון זייער אויפגאבע. ווען די ארבעטער האבן געזען אז מען קוקט זיי שוין נישט נאך, האבן זיי אויך אויסגענוצט דער מצב, און יעדער איינער האט געטון דאס וואס איז אים געווען געשמאק, ביז דער מצב האט זיך דערקייקלט און דער געשעפט איז אנגעקומען צו אזא שוואכע צושטאנד.

איינס פון די שווערסטע געשעענישן וואס איז געשען צום אידישן פאלק, איז געווען דער חטא המרגלים. אין אונזער פרשה זעען מיר אז די תורה איז מעיד אז משה רבינו האט אויסגעוועלט חשוב'ע מענטשן צום אויפגאבע פון די מרגלים, אזוי ווי רש"י ערקלערט אויפן פלאץ: 'כולם אנשים – כל אנשים שבמקרא לשון חשיבות, ואותה שעה כשרים היו', זעען מיר פון דעם אז אין אנהייב זענען זיי געווען חשוב'ע און ערליכע מענטשן. איז דאס דאך א שרעקליכע זאך – וויאזוי איז מעגליך אז אזעלכע מענטשן וואס די תורה הקדושה איז מעיד אויף זיי אז זיי זענען כשר'ע און פאסיגע מענטשן, זענען אנגעקומען צו אזא שפל המדרגה, אז דורך זיי זענען אלע אידן געשטראפט געווארן און זענען געבליבן פערציג יאר אין מדבר, און פילע אלפים ורבבות זענען דארט געשטארבן און באגראבן געווארן?

דארפן מיר שטארק נעמען דער זאך אין באטראכט, און וויסן אז קיינער איז נישט באשיצט און פארזיכערט, און מיר זאלן נישט זיצן מיט פארלייגטע הענט און טראכטן אז איך בין שוין אין ארדענונג, ווייל מיר זעען דאך ביי יוחנן כהן גדול אז ער האט געדינט אכציג יאר אלס כהן גדול און דערנאך איז געווארן א צדוקי, דעריבער זאל דער מענטש זיך גוט נאכקוקן אין יעדער צייט, און מאכן שטענדיג א חשבון הנפש, צי זיינע מעשים זענען באוויליגט פארן אויבערשטן, און ער זאל פארגיסן תפילות און תחנונים פארן הייליגן באשעפער אז זיינע מעשים זאלן זיין באוויליגט פאר אים, און ער זאל זיך גוט אומקוקן אויף אלע ארבעטער – דאס זענען די טיילן פון זיין גוף – אז זיי זאלן אים נישט צוברענגען צו באנקראטירן.

(עפ"י טיב התורה – שלח)


**טיב ההודעות**

**מען קען הערן שמועס'ן און דרשות**
**פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער**
**אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320**

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

עס איז זיכער אז ווען עס רעדט זיך פון דער דור וואס איז געווען אין מדבר זענען זיי געווען גרויסע מענטשן. זייער קדושה איז געווען גרויס און זיי האבן זיכער זוכה געווען צו גרויסע דרגה'ס אין אמונה, אבער דאך איז געווען אין זיי א שטיקל פגם און די פגם האט נאכגעשלעפט אזא ביטערע חורבן, און געווי דאס וויל די תוה"ק אז מען זאל וויסן, אז מיר זאלן איינבאקן אין אונז די אמונה אזוי שטארק, ווייל נאר אזוי קען מען ניצול ווערן ווען מען שטייט פאר א נסיון אין אמונה.

די עצה ווי אזוי מען קען אנקומען צו א שטארקע און א פעלזנפעסטע אמונה איז אז מען חזר'ט איין די אמונה אין זיך, און ווי עס ווערט געברענגט אין די שמועסן פון הרה"ק רבי שלומ'קע זוועהילער זי"ע אז א איד דארף שטענדיג לעבן מיט די א-ב און דאס איז אמונה ובטחון, ווייל דאס איז פון די זאכן וואס מען דארף שטענדיג איינבאקן אין זיך.

דער צדיק פלעגט אייביג זאגן אז א גוטער וועג ווי אזוי מען קען זיך בוחן זיין צי מען איז גענוג שטארק אין די אמונה איז ווען עס קומט אונטער א נסיון. ווען עס איז דא א זאך וואס איז גורם אז דער מענטש זאל זיך אויפרעגן און דער איד קען זיך איינהאלטן און בלייבן רואיג ביי זיך גלייבנדיג אז אלעס וואס געשעט מיט אים פירט זיך לטובה, איז א סימן אז זיין אמונה איז שוין שטארק.

איך האב אמאל געהערט א מעשה אז עס איז געווען ביי אים א איד וואס האט זיך געשפייזט פון א בעקעריי. טאג טעגליך פלעגט ער באקן ברויט און עס אפפירן צו די שטיבער פון די קליענטן. דער סדר איז געווען אז ער האט געהאט אן אייזל און די אייזל פלעגט ארומנעמען די סחורה איבער די שטאט.

די אייזל איז שוין געווען אזוי איינגעוואוינט צו גיין אין זיין וועג, אז דער בעקער פלעגט אנלאדענען די סחורה אויף אים און אים ארויסגעשיקט אין די גאסן איבער די שטאט.

האט זיך געמאכט אז איין טאג האט מען גע'גנב'ט דער אייזל פון דעם איד. דער בעקער איז געווארן פון דעם מורא'דיג בצער. מיט א צובראכנקייט איז ער געקומען צום צדיק און זיך אויסגעוויינט פאר אים דאס הארץ זאגנדיג אז דאס איז זיין פרנסה.

דער צדיק האט אים אויסגעהערט און געהייסן זיך שטארקן מיט אמונה, אז ער זאל איבערזאגן עטליכע מאל א טאג די ווערטער: כל מה דעביד רחמנא לטב עביד, און אין דעם זכות וועט הקב"ה אים העלפן אז דער אייזל וועט זיך צוריקקערן.

דער איד האט טאקע אזוי געטון. מיט א שטארקקייט האט ער גע'חזר'ט די אמונה ביי זיך. עס איז נישט אריבער פון די געשעעניש מער ווי א פאר טעג און עס האט פאסירט א וואונדערליכער זאך, דער פארלוירענער אייזל האט זיך צוריקגעקערט צו דעם איד.

די מעשה לערנט אויס די כח פון אמונה, ווי אזוי מיט אמונה קען מען אלעס צוריקבאקומען, ווייל אמונה איז ממשיך אלעס גוטס.

מען זעט אויך די פארקערטע. מען זעט אויך ווי אזוי ווען א איד האט נישט קיין אמונה קען ער טון אלע ערליי השתדלות אויף די וועלט אבער עס ברענגט אים נישט קיין ערנסטע דערגרייכונגען.

מען דערציילט אז אמאל איז א איד געקומען צוגיין צום ערשטן בעלזער רב דער הייליגער שר שלום זי"ע. דער איד איז געווען א געלטגייער, אבער אריינקומענדיג צום בעלזער רב האט זיך דער בעלזער רב אויפגעשטעלט פאר אים און אים אויסטערליש מכבד געווען.

דער מיטעלער בעלזער רב הגה"ק רבי יהושע האט דאס געזען און זיך גאר שטארק געוואונדערט אויפ'ן טאטן פארוואס ער איז אים אזוי שטארק מכבד. ווען ער איז ארויס פון דארט האט ער א פרעג געגעבן פאר'ן טאטן וואס האט דער איד זוכה געווען צו אזא קירבה?

דער בעלזער רב האט אים געזאגט: וויסן זאלסטו אז דער איד איז א גדול בתורה, ער איז א גאון הגאונים, ער איז בקי בכל התורה כולה.

איי וועסטו פרעגן, אויב ער איז אזא תלמיד חכם און ער איז אזא גאון וואלט דאך געפאסט אז ער זאל זיין א רב אין א שטאט אדער א גרויסער ראש ישיבה, אבער פון הימל וויל מען אנדערש, אז אפילו א מלומדות פאסטן קען ער נישט באקומען.

ווען דער זון רבי יהושע האט דאס געהערט, האט ער אים געפרעגט אז כאטש זאל אים דער טאטע אריינגעמען אין די חבריא און מאכן א יושב, אבער דער בעלזער רב האט אים געזאגט אז אפילו דאס וויל מען נישט פון הימל.

דער מיטעלער בעלזער רב האט איבערדערציילט די געשעעניש פאר א איד. ווען דער איד האט עס געהערט האט ער אים דערציילט אז יענער טאג האט ער אונטערגעהערט ווי צוויי אידן רעדן צווישן זיך. איין איד, אן עלטערער איד, האט זיך אנגערופן צו דעם צווייטן איד, אז עס וואונדערט אים אויף דעם איד, אז ער איז דאך אלע יארן געווען א גרויסער סוחר, פארוואס האט ער זיך נישט געזארגט אין די יונגע יארן אוועקצולייגן אויף די עלטערע יארן, וויסנדיג אז אויף די עלטערע יארן וועט ער נישט האבן קיין כח צו ארבעטן אין די געשעפטן.

"איך האב יא אזוי געטון אבער אז הקב"ה וויל נישט אז מען זאל האבן געלט – גייט עס נישט".

דערביי האט דער איד דערציילט ווי אזוי עס האט פאסירט, ער האט אים דערציילט אז אין די עלטערע יארן האט ער אריינגענומען זיין אידעם אין די ביזנעס און דער אידעם האט געמאכט עטליכע נארישע געשעפטן און אין רעזולטאט פון די געשעפטן האט ער דערלייגט זיין גאנצער פרנסה און איז נאך געווארן א בעל חוב און אלע געלטער איז געגאנגען פאר די חובות.

"ווייל אז הקב"ה וויל נישט קען מען פלאנירן – עס גייט סייווי גארנישט – אפילו אז מען פרובירט זייער שטארק".

דאס איז דער געדאנק פון אמונה, מען דארף עס איינ'חזר'ן אין זיך, ווייל ווי מער מען חזר'ט עס, גייט עס אלץ מער און טיפער אריין ביי א מענטש, אז ער לעבט מיט דעם שטענדיג.

זאל הקב"ה העלפן אז מען זאל זוכה זיין צו לעבן מיט דעם אייביג און זיך שטארקן אין איר.



## טיב ההשגחה

### מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# א שאירה עליונה

ווען איך האב זיך ארויסגעלאזט אויף א געשמאקע משפחה פארברענג האב איך מיטגענומען מיין בערזל. אנקומענדיג צו די זאַל האב איך געלאזט די בערזל הענגען אויף די קינדער וועגעלע.

נאך שטיינדיג נעבן די וועגעלע קומט מיין מאמע צו מיר און בעט מיר א טובה.

"איך האב ביי מיר גרויס געלט, עס איז מיר נישט באקוועם זיך צו דרייען מיט איר, אפשר קענסטו עס האלטן ביי דיר"?

די מאמע האט דארט געהאלטן די סומע פון צען טויזנט שקל. זי האט מיר געגעבן דאס געלט, איך האב עס געוואלט ארייַנלייגן אין מיין טאַשקע, אבער דאן האב איך זיך בארעכנט אז ניין! עס איז נישט א גוטער געדאנק, איך האב זיך געווענדן צו א צווייטער שוועסטער און געבעטן פון איר צי זי קען האלטן דאס געלט.

זי האט עס גענומען און מיט א רואיגקייט האב איך זיך געזעצט צו די סעודה.

א שטיק צייט שפעטער זעה איך ווי א פרעמדע פאָרעט זיך ביי מיין טאַשקע. איך האב זיך גלייך אויפגעהויבן און צוגעלאפן צו דעם ארט. דער וואס האט זיך געפארערט דארט זעענדיג אז איך קום, האט זי זיך ענטשולדיגט זאגנדיג אז זי האט געזוכט א טישו פאר איר רינענדער נאז.

אין סעקונדעס האט זי אפגעצויגן פון דארט און איך האב אנגעהויבן באטראכטן ווי גרויס איז די שאדן וואס זי האט אנגעמאכט. נאכ'ן איבערקוקן האב איך געזען אז די שאדן איז געווען קליינגעלט, זי האט נישט עספיעט צו נעמען קיין גרעסערע זאכן.

נאר יעצט האב איך געדאנקט הקב"ה איבער די חסד וואס ער האט געטון מיט מיר, אז פריער האב איך געגעבן די געלט פון מיין מאמע פאר מיין שוועסטער. אז נישט וואלט איך ווען דערלייגט די ריזיגע סומע געלט.

איך האב געדאנקט הקב"ה אז ער האט מיר מציל געווען פון אזא גרויסער שאדן און אפגעהיטן פון דעם פארלוסט.

[דערציילט דורך די בעלת המעשה: נ.ש.ר.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

פרעגט דער אור החיים הקדוש דערויף, אז לכאורה איז דער פסוק אינגאנצן איבעריג, און עס ווערט גארנישט נתחדש דורכדעם, וויבאלד די תורה האט שוין פריער דערציילט די גאנצע מעשה, אז משה האט געשיקט די מענטשן צו נאכקוקן די לאנד, און אז זיי האבן געמאכט די גאנצע געמיינדע זיך באקלאגן, און האבן ארויסגעלאזט א שלעכטער נאמען אויפן לאנד. אויב אזוי, פארוואס זאגט נישט די תורה גלייך דער צווייטער פסוק: "וַיָּמֻתוּ הָאֲנָשִׁים מוֹצִאֵי דִבַּת הָאָרֶץ וגו'" (זע חזקוני און ספורנו).

ענטפערט דער אור החיים הקדוש א וואונדערליכער תירוץ, אז דערמיט וויל אונז דער פסוק מחדש זיין אז די מרגלים זענען באשטראפט געווארן תיכף ומיד דערנאך וואס זיי האבן ארויסגעלאזט א שלעכטער נאמען אויף די לאנד. דאס קומט אונז לערנען די הארבקייט פון גרינגשעצן אין דעם הייליגן לאנד, אז דער אויבערשטער האט זיך נישט געפירט צו זיי מיט די מידה פון "אֶרֶךְ אַפַּיִם" (שמות לד, ו)! – טראצדעם וואס אפילו פאר רשעים עוברי עבירה טוט דער אויבערשטער פארלענגערן זיין צארן, און ערווארט און ער קוקט אויס אויף זיי ביז זיי וועלן תשובה טון, פונדעסטוועגן האט ער נישט מאריך אף געווען פאר די מוֹצִאֵי דִבַּת הָאָרֶץ, און ווי נאר זיי האבן געזינדיגט מיט זייער צונג זענען זיי באשטראפט געווארן, "וַיָּמֻתוּ הָאֲנָשִׁים... בַּמַּגֵּפָה לִפְנֵי ה'".

און דער טעם דערצו, ערקלערט דער אור החיים הקדוש, אז דאס איז געווען וויבאלד זיי האבן שווער געזינדיגט, מיט פינף שווערע סיבות וואס טוען צוברענגען פארן חֲרוֹן אַף הַשֵּׁם נקמה צו נעמען אינעם זינדיגער און אים גלייך באשטראפן, אנדעם וואס דער אויבערשטער זאל פארלענגערן פאר אים זיין צארן. זע דארט אין זיינע הייליגע ווערטער, ווי ער ערקלערט אז אלע פינף סיבות זענען מרומז דא אינעם פסוק און זענען אלע געווען ביים חטא המרגלים. און די פינפטע סיבה, ערקלערט דער אור החיים הקדוש, איז וויבאלד דער זינד פון רעדן שלעכטס אויפן לאנד איז זייער גרויס, ווי פאלגנד: ווער איז דען דער וואס קען זאגן, אויפן הייליגן לאנד וואס איז כְּלִילַת יֹפִי – אז עס איז שלעכט? עס איז דאך נישטא קיין גרעסערע רשעות ווי צו טון אזא זאך! ווייל וויאזוי קען א מענטש זיין אזוי פרעך, און ארויסרעדן א זאך וואס איז אזוי פארקערט פון די מציאות, און רעדן שלעכטע רייד אויף עפעס וואס איז די שלימות פון גוטס? און דערפאר האט דער אויבערשטער געצערנט און האט זיי גלייך גע'הרג'עט, און האט נישט פארלענגערט זיין צארן פאר זיי. ביז אהער פונעם אור החיים הקדוש.

->•<-

# דער שטראף פון די וואס האבן גערעדט שלעכטס אויף ארץ ישראל

**"וְהָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר שָׁלַח מֹשֶׁה לָתוּר אֶת הָאָרֶץ, וַיָּשֻׁבוּ וַיַּלִּינוּ עָלָיו אֶת כָּל הָעֵדָה, לְהוֹצִיא דִבָּה עַל הָאָרֶץ. – וַיָּמֻתוּ הָאֲנָשִׁים מוֹצִאֵי דִבַּת הָאָרֶץ רָעָה בַּמַּגֵּפָה לִפְנֵי ה'"** יד, לו-לז

די פאלגנדע וואונדערליכע מעשה וואס איר וועט יעצט ליינען מיטן אויבערשטנ'ס הילף, האט דערציילט מוהר"ר דוב סאקאלאווסקי זצ"ל ראש ישיבת "מאור התורה", וואס ער האט עס געדענקט פון זיין יוגנט אין די שטאט וואו ער האט דעמאלטס געוואוינט (לויטן חשבון איז שוין העכער הונדערט יאר פון ווען די מעשה איז פארגעקומען, וויבאלד רבי דוב האט עס דערציילט ארום פערציג יאר צוריק ווען ער איז שוין געווען ארום ניינציג יאר אלט). דאס איז געווען א מעשה מיט איינער וואס האט גערעדט שלעכטס אויף ארץ ישראל, און ער איז תיכף ומיד באשטראפט געווארן, רחמנא ליצלן, און דאס האט צוגעברענגט א געוואלדיגער קידוש השם, וויבאלד יעדער האט געהערט פון דעם שרעקליכן פאסירונג, און מען האט געזען די הייליגקייט און געהויבנקייט פון די הייליגע לאנד.

אין די זעלבע שטאט וואו רבי דוב האט געוואוינט אין זיין יוגנט, האט דער רב פון שטאט געפירט זיין קהילה ביד רמה, אזוי ווי אין די פריערדיגע צייטן וואס די רבנים האבן אנגעפירט מיט אלע אנגעלעגנהייטן פון די שטאט בכלל ובפרט, און לויט זייער אנווייזונג איז יעדער זאך באשלאסן געווארן.

אין יענע צייטן, האט זיך אנגעהויבן א שטארק אויפוואכונג איבער די וועלט, ווי אידן האבן אנגעהויבן ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל. דאס אויפוואכונג האט נישט איבערגעהיפערט די שטאט וואו רבי דוד האט געוואוינט, ווען פילע האבן אויסגעקוקט צו באטרעטן די הייליגע ערד פון ארץ הקודש בצילא דמהימנותא עילאה תחת כנפי השכינה. – זייענדיג אין יענע צייטן מיט איר הייליגע שיין, פול מיט אויסגערופענע און תלמידי חכמים יראי אלקים עובדי השם באמת ובתמים, איידער די רשעות'דיגע צִיּוֹנִים האבן איר אנגעהויבן מטמא זיין און פארשוועכן מיט זייערע שלעכטע פעולות.

פונדעסטוועגן, איז דאס נישט געווען עפעס וואס יעדער איינער האט געקענט פארנעמען, וויבאלד די וואוינונג און פרנסה אומשטענדן זענען אין יענע צייטן געווען זייער שווער! – וויבאלד ארץ ישראל נקנית ביסורים, אזוי ווי חכמינו ז"ל זאגן שוין אין מסכת ברכות (ה.), אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (דברים ח, ה) "כִּי כַּאֲשֶׁר יְיַסֵּר אִישׁ אֶת בְּנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ מְיַסְּרֶךָּ", און דערנאך שטייט ווייטער (שם פסוק ז') "כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ מְבִיאֲךָ אֶל אֶרֶץ טוֹבָה וגו'". און דער הייליגער מהרש"א דארט אין חידושי אגדות איז מפרש אז דער טעם דערפון איז, וויבאלד די הייליגע לאנד איז נישט געגעבן געווארן כדי מען זאל עסן אירע פרוכט און האבן פארגעניגן פון אירע פילע גוטס... וויבאלד דורכדעם וועט מען צוקומען צו חלילה ווידערשפעניגן אינעם אויבערשטן! אזוי ווי עס ווערט דארט ערקלערט אין די ווייטערדיגע פסוקים (שם פסוקים יב-יד): "פֶּן תֹּאכַל וְשָׂבָעְתָּ וּבָתִּים טֹבִים תִּבְנֶה וגו', וְרָם לְבָבֶךָ וְשָׁכַחְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ וגו'".

דערפאר קומט אן דאס ישיבת ארץ ישראל מיט יסורים און שוועריגקייטן, אזוי ווי הרה"ק רבי מענדל'ע וויטעבסקער זי"ע איז מאריך דערוועגן אין זיין ספר פרי הארץ (מכתבים, מכתב ד) זע דארט. [זע אויך אינעם גליון "טיב הקהילה", לשון הקודש, פרשת אמור תשע"ב, איבער מיין זיידע, הגה"צ רבי גמליאל הכהן ראבינאוויטש זצוק"ל, וועלכער האט איבערגעלאזט זיין גאנצן חשוב'ן שטעלע אלס באוואוסטער ראש ישיבה אין די שטאט קישינעוו, און האט עולה געווען צום הייליגן לאנד און זיך באזעצט אין די הייליגע שטאט צפת בעירום ובחוסר כל, וואס דאס איז אים אנגעקומען מיט שווערע יסורים, עיין שם]. – עס זענען אויך געווען פילע וואס האבן איבערגעלאזט נאך זיך זייער גאנצן הויז, פארמעגן און שטעלע צוליב זייער געוואלדיגע תשוקה צו די קדושה פונעם הייליגן לאנד, אבער נאכן אנקומען קיין ארץ ישראל מיט די גאנצע שוועריגקייט, האבן זיי נישט געקענט אויסהאלטן די שווערע באדינגונגען פונעם לעבן אין ארץ ישראל, און וועלנדיג זיך צוריקקערן צו זייער ארט אין חוץ-לארץ האבן זיי נישט געהאט דעם מעגליכקייט דערצו, ווי באקאנט.

ווען דער רב פון שטאט האט געזען די געוואלדיגע תשוקה פון פילע אידן פון זיין שטאט ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל, האט ער מורא געהאט טאמער זיי זענען נאכנישט ווערד דערצו און געפינען זיך נישט אין דעם געהויבענעם מדריגה פון זיין אינעם 'פלטרין של מלך', נישט וויסנדיג וואו זיי קומען אן... ווייל ווען מען זיצט צוזאמען מיטן קעניג אין זיין הויז, דארף מען אינגאנצן פארלאזן אלע הבלי עולם הזה! – דעריבער האט ער אויפגעשטעלט א געוואלדיגער סדר הכנה, וואו מען וועט זיך צוגרייטן צום ארויפגיין קיין ארץ הקודש, מיט ספעציעלע שווערע באדינגונגען וואס לייטערן אויס דעם גוף, וואס וועלן צוגעוואוינען די רייזנדע זיך אפצורייסן פון אלע גשמיות'דיגע הנאות. נאר דער וועלכע איז דורכגעגאנגען אט דעם צוגרייטונג דורכאויס די גאנצע תקופה, און איז געפינען געווארן פאסיג און גרייט צו די יסורי ארץ ישראל, האט באקומען א זיגל פונעם רב פון שטאט אז ער קען ארויפגיין קיין ארץ ישראל, און וועגן דער כבוד פון ארץ ישראל האט מען נאר ערלויבט פאר אזא איינעם ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל, ווייל אויב וועלן אויך אנדערע פארן קיין ארץ ישראל זיך דארט צו באזעצן, און וועלן נישט קענען דארט בלייבן און זיך נאכדעם צוריקקערן קיין חוץ ישראל, וועט דאס צוברענגען א חילול השם און זלזול אינעם הייליגן לאנד, אויסזעענדיג כאילו עס איז חלילה נישט גוט.

דער אויבנדערמאנטער סדר האט געמיינט, אז מען איז געשלאפן עטליכע נעכט אינעם 'הקדש' וואס האט זיך געפינען נעבן דעם בית המדרש, אן קיין בעט אדער מאטראץ, און נאך תעניתים און פארשידענע סיגופים. – דאס איז געווען נישט נאר כדי צו אויסלייטערן דעם נפש פון זינד, אז מען זאל נישט אריינגיין אינעם קעניגליכן פאלאץ זייענדיג פארשמירט מיט עבירות חלילה. – נאר אויך כדי צו גרייטן דעם גוף און עס צוגעוואוינען צו די שווערע באדינגונגען פונעם לעבן.

איין טאג, איז צום רב אנגעקומען א פשוט'ער איד פון שטאט, וועלכער האט זיך געוואלט אנשליסן מיט די וואס וועלן ארויפגיין וואוינען אינעם הייליגן לאנד. דער רב האט מורא געהאט, נישט זייענדיג זיכער צי דער איד איז געקומען מיט ריינע כוונות, וויבאלד לויט זיין מדריגה האט ער נישט אויסגעזען פאסיג זיך צו באזעצן אינעם קעניגליכן פאלאץ, און דעריבער האט אים דער רב פראבירט צו ערקלערן איידעלערהייט אז דאס לעבן אין ארץ ישראל איז זייער דערהויבן און הייליג, און נאר ווער עס שיידט זיך אפ פון הנאת עולם הזה קען זיך צוגעוואוינען צו אזא סארט לעבן. – דער איד איז אבער געווען פאר'עקש'נט און האט געזאגט: "אף על פי כן! איך וויל ארויפגיין קיין ארץ ישראל, און איך בין אפילו

המשך אין עמוד ד' >




גרייט דורכצוגיין דעם צוגרייטונג, וואס דער רב האט דא אויפגעשטעלט"...

דער זאך איז אבער געווען, אז דער איד האט נישט פארשטאנען אז דאס צוגרייטונג איז נאר אימשטאנד צו העלפן פאר איינעם וואס וויל אמת'דיג נאנט צו ווערן צום אויבערשטן, און ער גלוסט אמת'דיג זיך אפצורייסן פון די גשמיות'דיגע נארישקייטן, וועלנדיג זיך איבערגעבן נאר צום אויבערשטן, און זיך באזעצן אינעם אויבערשטנ'ס ארט, פאר אזא איינעם קענען די צוגרייטונג טעג העלפן אז ער זאל דערנענטערט ווערן און ווערן צוגעוואוינט צו זיין דבוק אין די שכינה, אבער דער נארישער מענטש האט געמיינט אז דאס צוגרייטונג איז בלויז א קורצע דורכגאנג צו דער שפאציר צו די לאנד פון די אבות...

דער איד האט טאקע דורכגעמאכט די טעג פון צוגרייטונג, און האט באקומען דעם געוואונטשענעם ערלויבעניש פונעם בית דין פון דער מרא דאתרא, און איז ארויפגעגאנגען צום הייליגן לאנד. – וויבאלד ער איז אבער נישט אמת'דיג געווען ראוי צו די הייליגע און געוואלדיגע מדריגת הקדושה פון ארץ ישראל, איז אים נישט געלונגען זיך איינצולעבן דארט, און דאס הייליגע לאנד האט אים אויסגעשפיגן און ער האט זיך צוריקגעקערט צו זיין שטאט...

ביי די 'קבלת פנים' וואס מען האט אנגעגרייט פאר אים, האבן זיינע באקאנטע און פריינט נישט געקענט באהאלטן זייער וואונדער, פארוואס ער האט זיך אזוי שנעל צוריקגעקערט. אלס אן ענטפער – האט דער מענטש אנגעהויבן עפנטליך אפצולאכן פון די ארץ ישראל'דיגע אידן, זאגנדיג אז זיי עסן אזוי ווי בהמות! [זעענדיג די פיטעס, פאלאפעל און ענדליכע עסנווארג, צו וועלכע ער איז נישט געווען צוגעוואוינט, האט זיך עס אים געדאכט ווי א מאכל בהמה], און אויך שלאפט מען דארט אזוי ווי בהמות אויף דער ערד... [נישט האבנדיג גענוג בעטן האט מען זיך באגנוגנט פאר די ביסל שלאף, מיטן אויסשפרייטן אביסל שטרוי אויף דער ערד... און דערויף איז מען געשלאפן].

**פלוצלונג!** ווי נאר דער מענטש האט ארויסגערעדט די ליצנות-ווערטער פון זיין מויל, רעדנדיג שלעכטס אויף די הייליגע לאנד, האט ער מיטאמאל אנגעהויבן שטאלפערן און ארויסגעבן מאדנע קולות אזוי ווי א בהמה! נישט קענענדיג ארויסזאגן אפילו איין נארמאלע זאך פון זיין מויל, נאר ער האט זיך גענומען פירן ממש ווי א בהמה, רחמנא ליצלן.

עס איז גלייך געווארן אויפן פלאץ א גרויס בהלה, און א שרעקליכער פחד איז געפאלן אויף אלע מענטשן! וויבאלד זיי האבן קיינמאל נישט געזען אדער געהערט אזא זאך, אז א מענטש זאל זיך פירן און ארויסגעבן קולות פון זיין מויל ווי א בהמה. מען האט אים פראבירט צו היילן אויף אלע סארטן וועגן, מיט נאטורליכע היילונגען און מיט סגולות, עס האט אבער גארנישט געהאלפן, און אפילו די בעסטע דאקטוירים און פראפעסארן האבן געמוזט מודה זיין אז זיי האבן קיינמאל נישט פריער נישט באגעגנט אזא מאדנעם און שרעקליכן ערשיינונג...

פאר זיין משפחה איז נישט געבליבן קיין אנדער ברירה, נאר זיי האבן געבויט פאר אים אזא סארט 'שטאל'... וואו מען האט אים דערלאנגט זיינע עסן, און דארט האט ער אויסגעלעבט זיינע איבעריגע יארן אזוי ווי א בהמה, רחמנא ליצלן. די קינדער פון שטאט פלעגן קומען זען דעם וואונדערליכן ערשיינונג, און פלעגןווארפן פאר אים ברויט און זיסווארג, לאכנדיג און ווייזנדיג אויף אים מיטן פינגער: אט איז די בהמה וואס האט גערעדט ליצנות אויף ארץ ישראל! און רבי דוב אליין האט מעיד געווען, אז אויך ער אלס קינד האט אים געווארפן שטיקלעך ברויט, און דאס וואס ער האט געזען האט אים מורא'דיג צוטרייסלט!

[קובץ "שיחות פרטיות" עמ' פ"ת, קלטת 15 צד א']

->•<-

אין איינס פון די שמועסן וואס איך האב געהאט מיט הגה"צ רבי בנימין ראבינאוויטש זצ"ל דיין ומו"ץ דפעיה"ק ת"ו, האט מען גערעדט וועגן די שרעקליכע וועלט-מלחמה, וואס ווי באוואוסט איז עס אפגעשטעלט געווארן אין די לעצטע מינוט ממש ביי די ארייננגאנג פון ארץ ישראל, ווען די נאציס ימח שמם האבן זיך צוריקגעצויגן ביים שווערן קאמף אין על-אלמיין, און אויפן באפעל פונעם גענעראל 'רומעל' ימ"ש זענען זיי צוריקגעגאנגען קיין דייטשלאנד, און מיט גרויסע ניסים זענען די אידן פון ארץ ישראל געראטעוועט געווארן פון די שרעקליכע מלחמה. פיל האבן די צדיקים ארומגערעדט איבערן זכות וואס איז בייגעשטאנען פאר די אידן פונעם הייליגן לאנד, אז זייערע פילע תפילות און תחנונים זענען אנגענומען געווארן. דערויף האט מיר רבי בנימין געזאגט: נו, וואס האט איר דען געטראכט, אז ארץ ישראל איז אזוי ווי אלע לענדערע? און ירושלים עיר הקודש איז 'סתם' נאך א שטאט צווישן אלע שטעט פון די וועלט? אין יענע צייטן – איידער די אויסגעלאסענע מענטשן זענען געקומען און האבן איר פארשוועכט – איז ירושלים געווען הייליג און לויטער, זייענדיג פול מיט חכמים וסופרים וועלכע האבן זיך מוסר נפש געווען בתורה ועבודה מתוך הדחק, און האבן אוועקגעווארפן פון זיך אלע הבלי העולם, און זענען אפגעזונדערט פון די וועלט מיט א געוואלדיגע קדושה! – דערויף האט שוין שלמה המלך ע"ה געזאגט (קהלת ב, ט): "וְגָדַלְתִּי וְהוֹסַפְתִּי מִכֹּל שֶׁהָיָה לְפָנַי בִּירוּשָׁלָם, אַף חָכְמָתִי עָמְדָה לִּי". און חכמינו ז"ל האבן ערקלערט (קהלת רבה, שם): "אמר רב חמא בר פפא, כל תורה שלמדתי כאן באף נתקיימה לי". – דאס לערנט אונז, אז דאס ריבוי התורה וואס די בני ירושלים האבן פארמערט און זיך געשטארקט אין דעם, לערנענדיג תורה מיט גרויס שוועריקייט און צער, דאס איז זיי בייגעשטאנען און דורכדעם זענען זיי געראטעוועט געווארן פון דעם שרעקליכן פיינט.

[קובץ "שיחות כלליות" דף פ"ד, שיחה 20]

->•<-

אין אן אנדער געלעגנהייט האט מיר רבי בנימין זצוק"ל נאכגעזאגט בשם צדיקים, אז דער טעם פארוואס דער נאצישער פיינט האט זיך אפגעשטעלט הארט ביים ארייננגיין אין ארץ ישראל, איז לויט וואס עס ווערט געברענגט אין זוהר הקדוש (ח"א סח.) אז נח האט זוכה געווען געראטעוועט צו ווערן פונעם מבול, אין זכות וואס ער האט מוחה געווען אין די רשעים פונעם דור, און האט מקיים געווען דעם פסוק (יחזקאל ג, יט): "וְאַתָּה כִּי הִזְהַרְתָּ רָשָׁע כו' אֶת נַפְשְׁךָ הִצַּלְתָּ". – וואס פון דא זעען מיר, אז יעדער איינער וואס ווארנט אן די רשעים, אפילו אויב זיי נעמען נישט אן זיינע ווערטער, ווערט ער אליין געראטעוועט. ביז אהער פונעם זוהר הקדוש.

פון דעם האט מען געזען אז די סיבה פארוואס דער נאצישער שונא ימ"ש האט נישט געקענט אריינקומען אינעם הייליגן לאנד, איז געווען אין זכות פונעם כח המחאה פון די בני ירושלים עיר הקודש, וועלכע האבן מקנא געווען קנאת ה' און מוחה געווען אויף זאכן וואס זענען געטון געווארן קעגן דעם דת של תורה, און דורכדעם איז נתקיים געווארן אין זיי דעם "וְאַתָּה אֶת נַפְשְׁךָ הִצַּלְתָּ"! - אזוי ווי די ווערטער פונעם זוהר הקדוש.

[מתוך שיחה לאברכי מיר – בריסק, ו' חשון תשס"ב]

על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרה"ח רבי משה רייך זצ"ל בן הר"ר שמואל רפאל זצ"ל נלב"ע י"ז אייר תנ.צ.ב.ה

לע"נ רבי שבתי זצ"ל בן הגה"ק רבי גמליאל הכהן זצ"ל נלב"ע ח' שבט תשל"ו תנ.צ.ב.ה.

לעילוי נשמת איש החסד הרב פנחס גרשון ב"ר אברהם זצ"ל לכנברג נלב"ע ט' אייר תשע"ז תנ.צ.ב.ה.

לע"נ הרב יחיאל מאיר ז"ל בן הרב אברהם עקשטיין ז"ל נלב"ע י"ב טבת תשס"ח תנ.צ.ב.ה.

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנ.צ.ב.ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנ.צ.ב.ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פז

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173